# כולל ויואל משה ד'סאטמאר
## אנטווערפען יצ"ו

נתייסדה ע"י כ"ק רביה"ק זצוקללה"ה • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
הרה"ג רבי בעריש קאהן שליט"א ראש הכולל

## "כולל ויואל משה"

כולל ויואל משה ד'סאטמאר איז נתייסד געווארן לשמו ולזכרו פון רבינו הקדוש מסאטמאר זצוקללה"ה זי"ע, און עס האט בעז"ה אויפגעבליעהט אלס א זעלטענע מקום תורה לשם לתפארת ולתהלה, וואו יונגעלייט זענען זיך קונה שלימות בתורה הק' במשך דעם גאנצן טאג.

פאר בערך 14 יאר צוריק, נאכן זעהן ווי וויכטיג עס איז פאר סאטמארע אינגעלייט תושבי אנטווערפען יצ"ו צו האבען אן אייגענע ווינקעל און אן אייגענעם מקום תורה - וואס ביז דאן האבן אונזערע חשובע אינגעלייט געדארפט ארומוואנדערן איבער אלע עקן פון שטאט אונטער פרעמדע השפעות - איז די הנהלת הכולל אריינגעשפרינגען אין די שווערע ארבייט, צו נושא בעול זיין אין די גרויסע הוצאות הכולל. און במשך די צייט איז ב"ה נתרבה געווארן ספסלי ביהמ"ד, וואו עס זיצן היינט צו טאגס טייערע און איידעלע אינגעלייט אברכי הקהלה מסלתה ומשמנה וואס סאטמאר אין אנטווערפען פארמאגט און הארעווען על התורה ועבודה.

ברוך השם היינט צוטאג'ס ווען מען געבט א בליק אויף צוריק איז די הנהלת הכולל שטארק צופרידן אז די יגיעה פון די אלע יארן האבן זיך געלוינט, ווען פאקטיש איז די כולל די בריח התיכון פון די שיינע בליה און וואוקס פון די גאנצע קהלה, און דאס געבט א שטופ אויף ווייטער ממשיך צו זיין מיט די שווערע אבער הייליגע עבודת הקודש.

## בשעות לפני צהרים

אין די פארמיטאג שעות זענען די חברי הכולל עוסק בצוותא חדא בלימוד שו"ע ונושאי כליו מיט די פוסקים ראשונים ואחרונים, און די חשיבות און וויכטיגקייט פון דעם מסגרת און לימודים איז ידוע לכל. במשך די פארגאנגענע יארן האט מען שוין אדורך געלערנט פולע שווערע מקצועות התורה לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, ווי יו"ד הל' טהרה, יו"ד חלק א', און דעם ווינטער זמן תשע"ב איז מען ממשיך מיטן לימוד פון הלכות שבת לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא.

בס"ד, חשון תשע"ב לפ"ק, פה אנטווערפען יצ"ו

לכבוד אחינו לדעה
אנ"ש בעיה"ב לאנדאן יע"א,
כל אחד בשמו הטוב יבורך.
די דאזיגע שורות ווערן געשריבען צום

בעפארשטייענדן

# יערליכן מסיבה

לטובת החזקת

## כוללנו המפואר
## "ויואל משה" ד'סאטמאר

**המתנוססה לתפארה אין אנטווערפען יצ"ו**

**וואס וועט אי"ה פארקומען**

**דאנערשטאג פ' חיי שרה הבעל"ט**

## מיר בעטן אייך

אדורכצולייענען די קומענדיגע פאר שורות מיט ישוב הדעת, ווי מיר ווילן אייך פרובירן מיט קורצע ווערטער אראפצוגעבן און שילדערן די געוואלדיגע שיינקייט פון דעם נאבעלן מקום תורה, און די געוואלדיגע נחיצות פון יעדע נדבה וואס איר זענט מנדב פארן כולל.


בס"ד
כולל ויואל משה ד'סאטמאר
אנטווערפען יצ"ו
נתייסדה ע"י כ"ק רביה"ק זצוקללה"ה • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
הרה"ג רבי בעריש קאהן שליט"א ראש הכולל

ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת
מיט דעם ווילן מיר מעלדן פאר אנשי שלומינו
תלמידי וחסידי סאטמאר תושבי עיה"ב לאנדאן יצ"ו
אז די

יערליכע מסיבה
לטובת החזקת כוללינו
המתנוססה לתפארה אין אנטווערפען יצ"ו
וועט בעז"ה פארקומען דעם
קומענדיגן דאנערשטאג פ' חיי שרה
בבית ידידינו הרבני הנכבד
מוה"ר חיים אברהם בערנשטיין הי"ו
5 Cadoxton Ave.
פון 8:00 אוונט

ביי דעם געלעגנהייט וועלן אנשי שלומינו
אחים לדעה תושבי לאנדאן יצ"ו
האבן די זכי' צו נעמען א חלק אין החזקת התורה
און שטיצן אונזער הייליגן כולל
ווי עס זיצן צענדליגע אינגעלייט יראים ושלמים מסלתה ומשמנה
און זענען זיך ממית באהלה של תורה מתוך יגיעה עצומה

ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת!
הנהלת הכולל

אלע משתתפים ביים מסיבה מיטן סכום פון £50 וועלן זוכה זיין צו באקומען "כוס של ברכה" פון הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע, וואס כידוע האבן הונדערטער אידן געזעהן אפענע ישועות דורך דעם. און רבי יענקעלע זי"ע אליינס פלעגט דאס צו טיילן אלס א סגולה בדוק ומנוסה. און עס איז נישט מער ווי א פאסיגע געלעגנהייט שטייענדיג קוים עטליכע טעג אפגערוקט פון די יומא דהילולא קדישא.

אלע משתתפים ביים מסיבה מיטן סכום פון £18 וועלן באקומען די סי.די. פונעם הערליכן מעמד "יובל העשור" להתייסדות כוללינו וואס איז פארגעקומען בהשתתפות הגה"צ אבד"ק סאטמאר וויליאמסבורג שליט"א, און מיט די באטייליגונג פון ראשי וחברי קהלתינו הק' אין לאנדאן.

השי"ת זאל העלפן אז אין דעם זכות פון החזקת התורה און קיום המצוה "והחזקת בו", וועלן די אלע אומשאצבארע זכותים צוגעשריבן ווערן צום חשוב'ן נדבן שיחי', און עס וועט אוודאי בייםשטיין צו ווערן געבענטשט מיט כל הברכות האמורות בתורה, בני ברוכי, חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא, וכל טוב סלה.

# מכתב קודש

מכ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א
לטובת החזקת כוללינו


אהרן טייטלבוים
אבדק"ק סאטמאר

ב"ה

תערב נא עתירתי בעד כוללינו בעיר אנטווערפן יע"א שבצל כנפיי יחסיון אברכים מופלגים העוסקים בתורה בטהרה, הרחק מרוחות זרים המנשבות בחוצות העיר, וכבר יצא שמו הטוב לשם ולתהלה, כה יתן ה' וכה יוסיף כרחמיו וכרוב חסדיו.

ובכן אבקש נא מכל אנ"ש היקרים שיהיו לעמוד לימינם ולהשתתף בסכומים הגונים בהחזקת בית גדול וקדוש לה' ולתורתו הקדושה, וברכת ה' היא תעשיר, עץ חיים הוא למחזיקים בה ותומכיה מאושר.

Creative

אין די פארגאנגענהייט האבן זיך שוין פוהלע יונגעלייט אברכי כוללינו געשטעלט צום פארהער אויף פארשידענע מקצועות וואס זענען געלערנט געווארן אין די ראמען פון די לימודי הכולל ביי הרבנים הגאונים שליט"א היושבים על מדין, וועלכע האבן אויסגעדרוקט זייער התפעלות פון די געוואלדיגע ידיעות און קענטעניסן פון די יונגעלייט, ווען עס איז ניכר ווי זיי האבן געהארעוועט אין די תוה"ק מתוך יגיעה עצומה בבירור הלכתא, זייענדיג מקיים דעם "כל חפציך לא ישוו בה".

## בשעות אחצ"ה

אין די נאכמיטאג שטונדן גייט אן די מסגרת הכולל אויף א גאר שיינעם פארנעם, ווי עס לערנען אינעם כולל בערך דרייסיג יונגעלייט בליעה"ר, וועלכע זענען מקיים דעם "שתהיו עמלים בתורה", ווען עס ווערט אדורך געלערנט גמרא בעיון מיט די מפרשים גדולי הראשונים והאחרונים, און עס איז פשוט א תענוג רוחני וקורת רוח דקדושה אריינצוקומען אין היכל הביהמ"ד, און זיך צוהערן צו דעם הילכיגן קול תורה וואס הילכט אפ.

די לעצטע יארן האט מען שוין אדורך געלערנט עטליכע מסכתות אנגעהויבן מסכת שבת, מסכת ביצה, מסכת בבא מציעא, הלכות ד' מינים, און די אלע שווערע סוגיות והלכות ווערן נתברר ונתלבן בכותלי דבי מדרשא, ווי אויך ווערט געגעבן שאלות בעל פה נאך יעדן ענין, וואס ווערן ב"ה געענטפערט בטוב טעם ודעת.

די כולל במשך דעם גאנצן טאג ווערט אנגעפירט דורכ'ן חשוב'ן ראש הכולל הרב הגאון מוה"ר יששכר בעריש קאהן שליט"א מחשובי תלמידי מרן רבינו הק' זי"ע, וועלכער לייגט אריין געוואלדיגע כוחות אין די אברכים יקרים וחשובים שיחי', און באגלייט די חכמי הכולל ביי יעדע סוגיא והלכה, ווי אויך ווערט יעדע שטיק צייט געהערט שיעורים כללים אויף וואס מען האט געלערנט, און דרשות מוסר וחיזוק פונעם חשוב'ן ראש הכולל שליט"א. אזוי אויך ווערן אפט געהערט דרשות פון נאך רבנים ובעלי דרשנים שליט"א, וואס דאס הייבט נאך מער די רוחניות'דיגען גייסט פונעם כולל.

פארגאנגענעם ווינטער ווען עס איז פארגעקומען אין אנטווערפען די יערליכע דינער לטובת אונזער כולל, ווי עס האט דאן אויפגעטראטן מדברותיו בנעימים אלס "נואם הכבוד" הגה"צ אב"ד דקהלתינו הק' לאנדאן שליט"א. האט דער חשוב'ער רב שליט"א אויך אפגעשטאט א באזוך אין כולל, און משמיע געווען א הערליכער שיעור בדבר הלכה ואגדה, און אויסגעדרוקט דערנאך זיין התפעלות פונעם שיינעם מקום תורה.

## החזקת התורה

אין די כולל במשך די טאג לערנען חשוב'ע בני תורה מבני קהלתינו הק' אין אנטווערפען, וואס עס ווערט געגעבן פאר זיי תמיכה בדרך כבוד, כדי זיי זאלן זיצן במנוחה על התורה ועל העבודה, און די מעלה און חשיבות פון

# הוצאות הכולל

**ועל של עתה באנו,**

## לאמיר אייך מאכן א חשבון פונעם כולל בודזשעט

**וואס די געטרייע חברי הנהלת הכולל דארפן זיך ספראוון דערמיט.**

**צום בעפארשטייענדן יאר הבעל"ט**

באטרעפן די הוצאות הכולל פון יעדן חודש,

**פופצן טויזנט יורא!**

# €15,000

**וואס דאס מיינט אז דאס יאר תשע"ב לפ"ק הבעל"ט,**

דארף די הנהלת הכולל שאפן

**הונדערט און אכציג טויזנט יורא!**

# €180,000!!

על כן ווענדן מיר זיך צו אייך
בכל לשון של בקשה:

## זייט אייך משתתף ביד רחבה וברוח נדיבה

**און נעמט א טייל אין די געוואלדיגע**

**גרויסע הוצאות הכולל,**

**און קויפט אייך איינע**

**פון די פאלגענדע זכותים אינעם כולל**

# שותפות יששכר וזבולון

### פרנס השבוע

איר קענט אפקויפן דעם זכות פון "פרנס השבוע" וואס דורכדעם האלט איר אויס דעם גאנצן כולל במשך א גאנצע וואך.

**דעם זכות קען מען אפקויפן פאר 1800 £.**

### זכות שותפות

די זכות שותפות וואס מען קען שליסען מיט די הנהלת הכולל, איז צו האבן א גלייכן חלק מיטן אויסהאלטן די כולל אינגעלייט.

**דעם זכות קען מען אפקויפן פאר 1000 £.**

### פרנס היום

א זכות פון פולקאם אויסהאלטן דעם כולל במשך א גאנצען טאג.

**דעם זכות קען מען אפקויפן פאר £500.**

### פרנס חצי היום

א זכות פון פולקאם אויסהאלטן דעם כולל במשך א האלבן טאג.

**דעם זכות קען מען אפקויפן פאר £250.**

ווער עס קויפט גרעסערע זכותים, וועט ווי פארשטענדליך אויך זוכה זיין אין "פרנס היום" לעילוי נשמת קרובים און באקאנטע.

מער איינצעלהייטען פאר יעדעס איינע פון די אויבענדערמאנטע זכותים, וועט מען געפינען איף דעם "שטר הסכם ושותפות" וואס די הנהלת הכולל שרייבט אונטער מיטן חשוב'ן נדבן שיחי'.

החזקת לומדי תורה, איז מבואר באריכות אין דברי חכז"ל און מדרשים, און ווי פארשטענדליך איז מען אויך מקיים מיט דעם די געוואלדיגע מצוה פון והחזקת בו פאר היימישע אינגעלייט אחים לדעה תלמידי וחסידי מרנן רבותינו הק' זי"ע ולהבחל"ח כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א.

א חוץ פון דעם ווערט דער תומך תורה א גלייכער שותף מיט די לומדי תורה, וחלק כחלק יאכלו נהנה צו זיין פון די געוואלדיגע זכותים און סגולות וואס לימוד התורה הק' ברענגט מיט זיך. וכידוע מספרי קודש (חתם סופר ועוד) אז די מחזיקי תורה האבן א גלייכן חלק אינעם לימוד התורה פון די לומדי תורה, און טאקע אויף די העכסטע בחינה וואס איז שייך, ד.ה. אז עס ווערט גערעכנט פאר די מחזיקי תורה כאילו זיי האבן געלערנט תורה לשמה.

אויך איז עס א געוואלדיגע סגולה מצליח צו זיין מיט פרנסה, אזוי ווי חז"ל זאגן אין מס' בבא בתרא אויפן פסוק "רודף צדקה וחסד ימצא חיים צדקה וכבוד" אמר רבי יצחק כל הרודף אחר צדקה, הקב"ה ממציא לו מעות ועושה בהן צדקה.

ועץ חיים הוא למחזיקים בה, אז אלע תומכים און מסייעים זאלן געבענטשט ווערן מיט ברכות המשולשת בתורה, בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רוויחי, מתוך נחת סייעתא דשמיא והרחבת הדעת און אלעם גוטן, און אזוי ווי רש"י הק' (משלי י"ח) טייטשט דעם פסוק 'מתן אדם ירחיב לו', "בנותני צדקה הכתוב מדבר שמרחיב לו חלקו לעתיד לבוא ובחייו".

## הוצאות הכולל

ועל של עתה באנו, לאמיר אייך מאכן א חשבון פונעם כולל דעפיציט, וואס די געטרייע חברי הנהלת הכולל דארפן זיך ספראוון דערמיט.

צום בעפארשטייענדן יאר הבעל"ט באטרעפן די הוצאות הכולל פון יעדן חודש, פופצן טויזנט יורא! (€15,000), וואס דאס מיינט אז דאס יאר תשע"ב לפ"ק הבעל"ט, דארף די הנהלת הכולל שאפן דעם סכום אדיר פון הונדערט אכציג טויזנט יורא! (€180,000)!!.

על כן ווענדן מיר זיך צו אייך בכל לשון של בקשה: זייט אייך משתתף ביד רחבה וברוח נדיבה און נעמט א טייל אין די געוואלדיגע גרויסע הוצאות הכולל, און קויפט אייך איינע פון די פאלגענדע זכותים אינעם כולל:

די רמ"א שרייבט אין יו"ד (סי' רמ"ו) אויף די גרויסע מעלה פון שותפות יששכר וזבולון וזל"ק: ותחשוב לו כאילו לומד בעצמו ויכול לעשות עם חבירו שהוא יעסוק בתורה והוא ימציא לו פרנסה ויחלוק עמו בשכר, עכ"ל.

די אלע פאלגענדע זכותים קענען אויך נתנדב ווערן לעילוי נשמת א' מן הקרובים וכדו', און די לומדי הכולל ווערן לערנען לטובת ולעליית הנשמה, וואו עס וועט ארויסגעהאנגען ווערן צעטל מיטן נאמען פונעם נדבן און אלע נויטיגע פרטים.

## מסיבה השנתי

דעם קומענדיגן דאנערשטאג פ' חיי שרה פון 8:00 אווענט וועט אי"ה פארקומען די "מסיבה השנתי" להחזקת כוללינו אין שטוב פון ידידינו הנכבד מוה"ר חיים אברהם בערנשטיין הי"ו 5 Cadoxton Ave. ווי חשובי ידידי ומוקירי תורה ווערן ערווארטעט צו שטיצן לומדי תורה ביד רחבה וברוח נדיבה.

הרב הגאון ר' ישכר בעריש קאהן שליט"א ראש הכולל, וועט אויפטרעטן מיט "דבר הכולל" און איבערגעבן וואס עס טוט זיך צווישן די ווענט פונעם הערליכן מקום תורה.

אנשי שלומינו היקרים! תומכי ומוקירי תורה תושבי עיה"ב לאנדאן יצ"ו, ווערן ערווארטעט אין די מאסן ביים "מסיבה השנתי" ארויסצעווייזן שטיצע פאר די לומדי תורה, און זיי מחזק זיין פינאציעל אינעם שווערן מצב.